**גוט שבת אלע אידן.** ר' יצחק זילבער ע"ה איז געווען דער מייסד פונעם מוסד "תולדות ישורון" א מוסד וואס איז מקרב רוסישע אידן אין ארץ ישראל. ר' יצחק האט געהאט א שווערן לעבן. ער איז געבוירען אין רוסלאנד און ער האט געליטן אסאך יארן אונטער די קומאניסטן ימ"ש. יארן שפעטער איז ער ב"ה זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ הקודש.

אין די יאר תשט"ו איז ער ארעסטירט געווארן אין רוסלאנד נאך אן עלילה. נאך דעם משפט איז ער געשטראפט געווארן מיט אן עונש פון עטליכע יארן שווערע ארבעט אין אן ארבעטס לאגער אין דעם קאלטן סיביר. ווען ער איז אנגעקומען צום ארבעטס לאגער, איז ער געווואר געווארן אז ער איז געווען דער איינציגסטער פרומער איד דארט.

ב"ה אז ער האט געקענט מיטברענגען דריי זאכן וואס האבן אים אויסהאלטן דורך זיינע שווערע יארן אין לאגער: זיין תפלין, א תנ"ך און א סעט משניות. ער האט באהאלטן די תשמישי קדושה אין זיין ווארעמע מאנטל.

יעדען טאג אינדערפרי פלעגט ער אויפשטיין אביסל פריער און ער פלעגט לייגן תפלין. כאטש אפילו אז עס איז געווען א גרויסע סכנה, (ווייל עס איז געווען אסור צו האלטען אידישע זאכן), איז עס אבער געווען פאר אים כדאי, ווייל דאס רוחניות פון די תפלין האט אים אויסגעהאלטן!

ב"ה אז ער האט געטראפן א וועג צו מקיים זיין די מצוה פון תפלין יעדען טאג, אבער וואס וועט זיין מיט דער הייליגער שבת? ר' יצחק האט געזוכט אן ארבעט אין דעם לאגער וואס וועט אים דערמעגליכן נישט צו ארבעטן שבת. נאך אפאר טעג אין לאגער, האט ער געזען אז אפשר דורך ארבעטן אלס א וואסער טרעגער, וועט ער נישט דארפן ארבעטן שבת. ווייל, טאמער ער וועט קענען ברענגען גענוג וואסער ערב שבת כדי עס זאל זיין גענוג פאר שבת אויך, דעמאלט וועט ער נישט דארפן גייען שעפן און שלעפן די וואסער אין שבת אליין. אבער, עס איז געבליבן איין שוועריגקייט... ר' יצחק האט געדארפט ארבעטן אליינס, כדי קיינער פון די אנדערע ארבעטערס זאלן נישט באמערקן אז ער פעלט אין שבת.

ער איז צוגעגאנגען צום אפיצער וואס האט אחריות געהאט אויף די וואסער טרעגערס. ר' יצחק האט געזאגט צו יענעם אפיצער אז ער איז אינטערעסירט אין דעם ארבעט. ר' יצחק האט אפילו געזאגט אז ער וועט ארבעטען גענוג שווער, אז ער אליינס וועט אפילו טון דעם ארבעט פון אלע זעקס וואסער טרעגערס! דער רוסישער אפיצער האט נישט גע'חלמ'ט אז ר' יצחק וועט קענען טון דעם ארבעט פון אזוי פיל מענטשן. דער אפיצער האט גלייך מסכים געווען צו געבן ר' יצחק דעם ארבעט פון טראגן די וואסער. דאס איז נישט געווען ווייל דער אפיצער איז געווען א גוטער מענטש. נאר, דער אפיצער איז זיכער געווען אז ר' יצחק וועט נישט מצליח זיין, און דורך דעם וועט ער קענען באשטראפן דעם איד.

א נארמאלער מענטש וואלט שנעל געווארן צובראכן דורך ארבעטן אזוי שווער, אבער נישט ר' יצחק! ווייל דורך ארבעטן שווער האט ער געוואוסט אז ער וועט נישט דארפן מחלל שבת זיין.

ב"ה אז ר' יצחק האט מצליח געווען צו טון דעם ארבעט פון זעקס מענטשן. דאס וואסער טאנק אין לאגער איז אייביג פיל געווען. און אזוי האט ער נישט געדארפט ארבעטן שבת און קיינער האט אים נישט אנטפלעקט.

אזוי האט ר' יצחק ב"ה ערלעדיגט תפלין און שמירת שבת. וואס וועט אבער זיין מיט לימוד התורה? ווי אזוי קען א איד לעבן אן לערנען?!? אפילו ער האט שטארק געוואלט לערנען, ווען וועט ער האבן צייט צו לערנען? ער האט געארבעט פון האלב נאך פונף אינדערפרי ביז האלב נאך זיבן ביי נאכט, און ער האט נישט געהאט קיין מינוט מנוחה דורכן טאג.

ער האט געמאכט א חשבון: טאמער ער וועט לויפן מיט די וואסער פון דעם קוואל צוריק צום לאגער, וועט ער קענען טון אין דריי פערטל שעה דעם ארבעט וואס וואלט געווענטליך גענומען א שעה. מיט די פופצען מינוט וואס ער האט געשפארט יעדע שעה, וועט ער קענען לערנען דריי און א האלב שעה יעדען טאג! און אזוי איז געשען, ער האט געלערנט פופצען מינוט יעדען שעה דורך דעם טאג. ער האט זיך באהאלטן הינטער א פארהאנג אין א קליינעם צימער מיט זיינע ספרים, און דער באשעפער אליינס איז געווען זיין חברותא.

איין טאג, האט דער הויפט אפיצער אויסגערופן א צוזאמענקומען פון אלע איינגעשפארטע. ווען יעדער איינער האט געגומען זיין פלאץ, האט דער הויפט אפיצער אויסגערופן "יצחק זילבער, שטיי אויף!" ר' יצחק איז געבליבן שטיל, נישט וויסן וואס וועט זיין.

"יעדער איינער אין דעם לאגער באקומט דעם זעלבן פריווילעגיעס, אבער יעדער איינער מוז ארבעטן שווער!" האט דער אפיצער אנגעהויבן צו זאגן. "מיר אלע ארבעטן ווי שווער ס'איז מעגליך פאר אונזער לאנד. אבער דו..." האט דער רוסישער געזאגט ווייזענדיק מיט איין פינגער אויף דעם איד, "דו מיינסט אז דו ביסט אנדערש? דו מיינסט אז מיר זענען טיפשים, כאילו מיר וויסן נישט אז דו ארבעטס נישט שבת! דו ביסט א פוילער פאררעטער!"

די ווערטער האבן אנגעצינדען די חברה אזוי ווי א ווילדע פייער, און זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען, "פאררעטער, פאררעטער!" ר' יצחק האט מורא געהאט אז די ווילדע חברה וועט אים הרגנען בעפאר דער אפיצער וועט אים אפילו קענען שטראפן. ווי נישט ווי, האט ער געדארפט א ישועה, און ער האט מתפלל געווען צום אייבערשטען ער זאל אים ראטעווען.

פלוצלינג, האבן צוויי גרויסע שטארקע אוקריינישע גוים זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער. די צוויי זענען באקאנט געווען אלס שטארקע אנטי–סעמיטן. נישט נאר די אידן אין לאגער האבן מורא געהאט פון די צוויי ווילדע אוקריינישע גוים, אבער די אנדערע רוסישע גוים האבן אויך מורא געהאט. וועגן דעם איז יעדער איינער שטיל געווארן ווען די צוויי האבן זיך אויפגעשטעלט.

"הער צו רבותי..." האט איינער געזאגט. "קיינער זאל נישט אפילו סטראשענען דעם קאזינער (אזוי האט מען גערופן ר' יצחק אין לאגער.) איינער פון ענק וואס וועט אים אנרירן... גייען מיר דיך הרגנען! הערטס מיך? מיר מוזן דא (אין די לאגער) בלייבן אויף אונזער גאנצע לעבן, וועגן דעם זאלט עטץ מיר גלייבן ווען איך זאג אזא זאך. גלייבטס מיר, אז מיר האבן גארנישט צו פארלירן!" דער עולם איז געזיצען שטילערהייט, און קיינער האט זיך נישט גערירט, אפילו דער הויפט רוסישער אפיצער אויך נישט!

"איך בין דא אין דעם לאגער שוין פופצען יאר..." האט דער אוקריינישער גוי געזאגט ווייטער. "און עס איז קיינמאל נישט געווען דא גענוג וואסער צו טרינקען. אבער זייט דער קאזינער איז געקומען, האבן מיר גענוג וואסער יעדען טאג!" יעדער איינער איז ארויסגעגאנגען פונעם שטוב. און גארנישט איז געשען צו ר' יצחק.

פאר דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון גלות מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע אותות און מופתים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "...והרביתי את אותותי ואת מופתי בארץ מצרים." – און איך וועל מערן מיינע צייכנס און מיינע וואונדער אין די לאנד פון מצרים. (שמות ז,ג) אזוי ווי מיר האבן שוין עטליכע מאל דערמאנט, חז"ל זאגן אז גלות מצרים איז געווען א דוגמה פאר אלע אנדערע גליות. אזוי ווי פאר דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע מופתים, אזוי אויך וועט עס זיין ווען דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזן פון דער היינטיגער גלות, ד"ה עס וועט זיין מיט אותות און מופתים.

ב"ה אז ר' יצחק האט איבערגעלעבט די ארבעטס לאגערן און ער איז זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל וואו ער האט מקרב געווען אסאך פארלוירענע רוסישע נשמות בעפאר זיין הסתלקות אין תשס"ד. זיין מסירות נפש פאר שבת און לימוד התורה קענען אונז אלע מעורר זיין. א מענטש וואס האט געארבעט פערצען שעה א טאג אין דעם שווערן ווינטער אין סיביר האט נאך געמאכט צייט צו לערנען תורה? הפלא ופלא!
**גוט שבת אלע אידן.**

נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל :: לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)